רשימות

# דברות קודש

פתיחת זמן הקיץ
ה'תשפ"א

זה השער לד׳
צדיקים יבואו בו

רשימות

# דברות קודש

שהשמיע

**כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**
**ממונקאטש**

בהיכל ישיבתינו הקדושה

**ישיבת יודעי בינה מונקאטש**

ביום א׳ פרשת בהר-בחקתי, כ׳ אייר

**פתיחת זמן הקיץ שנת ה׳תשפ״א**

הוצאת אומרת
אור תורה מונקאטש

ברוקלין, נוא יארק
חודש סיון ה׳תשפ״א

# רשימות
# דברות קודש

רשימה שאינה מוגהה - לתועלת תלמידי הישיבה

העתקה על-ידי אחד מן התלמידים המקשיבים

## פתיחת זמן הקיץ תשפ"א


יוצא לאור על ידי:

**הוצאת אמת**

אור **ת**ורה **מ**ונקאטש

מכון להו"ל ולהפיץ

ספרי רבותינו הקדושים

Published By:

**Emes Publishing Inst.**

Ohr Torah Munkacs

P.O.B. 393

Brooklyn, New York 11219

**T**: 347.408.5208

**F**: 718.504.3526

**W**: www.minkatch.org

**E**: EmesOnline@gmail.com



כל הזכיות שמורות ל:

**הוצאת אמת**

**Copyrighted © 2021 by:**

**Emes Publishing Inst.**

**All rights reserved to publisher**

**The entire text has been newly edited designed and set.**

**No part of this book may be reproduced in any form, including information storage or retrieval, in whole or in part, without written permission**

# פתיחת זמן הקיץ ה'תשפ"א

## חשוב'ע הייליגע בחורים!

**איך** ווייס, אז "לב יודע מרת נפשו" (משלי יד, י), יעדער טראכט יעצט ביי זיך, און יעדער שפירט ביי זיך, אז ליידער איז מען נישט אזוי הייליג ווי עס ברויך צו זיין. און אויב אזוי וואונדערט זיך יעדער פארוואס מען רופט ענק אן "הייליגע בחורים". אבער די וואך האבן מיר געזעהן, אז דער באשעפער האלט ענק יא פאר קדושים. בני תורה און עובדי ד', וואס זיצן באהלה של תורה, רעכנט דער אויבערשטער פאר זיינע הייליגע און נאנסטע מענטשן.

## "הוא אשר דיבר ד' בקרבי אקדש"

**מען** זעהט ביי נדב ואביהוא, אז אין דעם טאג וואס מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן אין מדבר, "ביום השמיני" - וואס איז געווען די פרייליכסטע טאג זייט בריאת העולם, אזוי ווי חז"ל זאגען (מגילה י, ב) אז "אותו היום היתה שמחה לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ", פונדעסטוועגען שטייט (ויקרא ט, א) "ויהי ביום השמיני" א לשון צער, ווייל דעמאלטס, אין דעם פרייליכן טאג, אין דעם הייליגען פלאץ, האט דער אויבערשטער צוגענומען נדב ואביהוא. "בקרבתם לפני ד' וימתו" (שם טז, א).

**משה** רבינו האט געדארפט זאגען דברי הספד. כלל ישראל האט געווארט צו פארשטיין, וויאזוי קען דאס זיין, אז נדב ואביהוא - אהרן הכהן'ס קינדער, וואס האבן נאר געוואלט אנקומען צו נאך מדריגות - "בקרבתם לפני ד'", זאלן גאר צוגענומען ווערן אין אזא דערהויבענע זמן. פארוואס איז זיי

געקומען אזא עונש, אז זיי זאלן דארט פארברענט ווערן פארן אויבערשטן. מילא, אפשר, אויב עס וואלט געשעהן אין א מקום הפקר, אויב מען וואלט געטאנצט און געשפרינגען מיט פריצות, האט דאך דער אויבערשטער געזאגט אין די תוכחה אז עס וועט זיין אזוי. אבער "בקרובי", און אין מקום המקדש? האט דער אויבערשטער נישט געהאט וועמען צי נעמען קרבנות, נאר נדב ואביהוא? ווי אזוי קען מען דאס פארשטיין.

**משה** רבינו איז געווען דער רבן של ישראל, ער האט געברויכט לערנען מיט כלל ישראל ווי אזוי מען ברויך צו קוקן אויף אזא זאך. משה רבינו האט זיכער פארשטאנען, אז ווער ווייסט ווען נאך דאס וועט געשעהן, און מען וועט נישט פארשטיין דעם אויבערשטנ'ס דרכים. "זו תורה וזו שכרה"? אזוי האט ער דאך אליינס געפרעגט אויף רבי עקיבא (עיין מנחות כט, ב). און אז מען פארשטייט נישט וויאזוי אזא זאך קען געשעהן, קען דאך שוואכער ווערן חלילה די אמונה.

**דערפאר** האט משה רבינו געזאגט (ויקרא י, ג), קודם זאלט עטס וויסן אז "הוא אשר דיבר ד'" - אזוי זאגט דער אויבערשטער, ממילא איז נישט דא קיין קשיות.

**וואס** האט דער באשעפער געזאגט? דער אויבערשטער זאגט "בקרובי אקדש". דאס מיינט אז עס איז דא אמאל וואס מען שטראפט די רשעים חלילה, און אמאל איז דא "קרובי" - די נאנסטע מענטשן, בני תורה, עובדי ד', וואס דער אויבערשטער נעמט זיי צו ווי קרבנות. "בקרובי" טייטשן חסידי'שע ספרים אז דאס איז א לשון פון קרבן. אפילו אז געווענליך זענען קרבנות פון א שור או כבש או עז כי יולד (ויקרא כב, כז), איז אמאל פארהאן פארקערט, אז מען נעמט די הייליגסטע וואס איז דא. מען זאל נישט מיינען אז נדב ואביהוא זענען געשטארבן סתם, נאר זיי זענען געווען קרבנות פאר כלל ישראל.

**אבער** פונדעסטוועגן, "ועל פני כל העם אכבד". טייטשן חסידי'שע ספרים, אז פאר "כל העם", פאר די פשוט'ע מענטשן, פאר די וועלכע זענען אין א נידריגע מדריגה, "אכבד" איז דאס שווער צו דערהערן. דאס איז נישט מעגליך צו פארשטיין און דערהייבן. יא, זיי זענען טאקע קרבנות לד', אבער פאר די וועלט בלייבט עס נאך אלס שווער. אפשר, א גרויסער משיג, א בעל

מקובל, א ידען, קען עס אפשר דערהערן, אז מען נעמט צו קדושי ישראל אלס קרבנות. ווידער ביי פשוט'ע אידן איז עס נישט מספיק. קשיא בלייבט קשיא.

**נאר,** מען דארף צו וויסן, אז דער אויבערשטער איז א בעל רחמים. מיר פארשטייען נישט, מיר זענען נישט משיג. דאס איז א איד. מתחילה, ווען מען הייבט אן צו דיענען דעם אויבערשטען, נאך אין חדר, און אפילו נאך איידער מען גייט אין חדר, זאגט מען און מען ווייסט שוין איין זאך, מען זאגט דאס די ערשטע זאך יעדן אינדערפרי ביים "מודה אני", אז "רבה אמונתך" - מיר האבן זייער א גרויסע אמונה! כלומר, למעלה מן השכל. דער שכל קען עס נישט דערהייבן, אפילו ביי דער גרעסטער חכם.

**האט** משה רבינו געלערנט און געזאגט פאר כלל ישראל: "הוא אשר דיבר ד'", אזוי האט דער אויבערשטער געזאגט. דיבור איז א לשון קשה, אמאל רעדט ער אמירה רכה - ווייעך, אבער אמאל זאגט ער דברים קשים. עס איז דא צייטן וואס דער וועלט ציטערט, דער וועלט שאקלט זיך, און דעמאלטס איז "דיבר ד'", בלשון קשה, וואס א בשר ודם קען עס נישט משיג זיין.

## "וידום אהרן"

**דאס,** האט משה רבינו געקענט זאגען. אבער אהרן הכהן האט גארנישט געזאגט. "וידום אהרן". ער האט נישט וואס צו זאגען. כאטש ער האט געהערט וואס משה רבינו האט געזאגט - אז מען זאל נישט מיינען זיי זענען געשטראפט געווארן, נאר דאס זענען הייליגע קרבנות; און אפילו אז משה רבינו, וואס לגבי כלל ישראל איז ער געווען דער אחד יחיד, לא קם כמשה (על פי דברים לד, י), האט טאקע אזוי געזאגט, בשם ד'; זאגט אבער די תורה הקדושה, אויף אהרן, דער טאטע פון די קינדער, "וידום אהרן".

**שטעלט** זיך די קשיא, ווען אהרן זאגט ווען עפעס, דערציילט אונז די תורה וואס ער האט געזאגט. אבער אז "וידום אהרן" - אז ער האט גארנישט געזאגט, וואס דערציילט אונז די פסוק דא? אויב האט ער גארנישט געהאט וואס צו זאגען, איז דאך לכאורה נישט דא וואס זיך צו לערנען פון דעם?

**נאר,** "וידום אהרן" מיינט צו לערנען אז דאס אליין האט אהרן געזאגט, אז נישט אייביג קען מען רעדן, נישט אלעס קען מען פארענטפערן, און נישט אלעמאל קען מען משיג זיין. דערפאר האט אהרן זיך בארעכנט, וואס זאל איך זאגען, וויאזוי קען איך מסביר זיין פאר כלל ישראל, אז אזא גרויסע באשעפער וועמען זיי דינען, דער קל מלא רחמים, וואס מפי עליון לא תצא הרעות (איכה ג, לח) - פון באשעפער קומט נישט ארויס קיין שלעכטס, זאל דורך איהם אזוי געשעהן. אז איך קען עס נישט מסביר, און אז איך האב נישט געהערט פון באשעפער וואס צו זאגען, דארף איך שטיל בלייבן. "וידום אהרן".

**איך** ברויך נישט מסביר זיין פארוואס איז יעצט די צייט צו רעדן פון דעם. יעדער גייט דאך ארום פארוויטאגט, און פארוויטאגט איז א האלבע צרה. מען גייט ארום מיט קשיות, קשיות אויפן באשעפער כביכול. ווי קען דאס זיין, מענטשן זענען מיט מסירת נפש געפארן איבער ימים און לאנגע וועגען, און עס איז געשעהן וואס עס איז געשעהן.

**משה** רבינו האט א כח, אז (עיין במדבר כב, לח) את אשר ישים ד' בפיו ידבר, וואס דער באשעפער גיבט איהם צו זאגען זאגט ער. אבער אהרן הכהן האט געוואוסט, אז וויבאלד ער אליינס האט נישט דעם כח, און אליינס צו זאגען קען איך נישט, איז דערפאר, "וידום אהרן". אזוי אויך דא היינט, איך האב נישט וואס צו זאגען, ווייל אפילו איך וועל יא עפעס זאגען, וועט די קשיא נישט אווקעגיין, דערפאר וואס האב איך צו רעדן. מען דארף דאך נאר פארשטארקן די אמונה. האב איך דען עפעס צו זאגען, צו פארשטערקערן ביי אידישע קינדער די אמונה אין באשעפער. נאר מיר ווען זיך אויך אנכאפן אין די מדה פון "וידום אהרן" - כשם שמקבלין שכר על הדרישה כך מקבלים שכר על השתיקה (עיין רש"י ויקרא י, ג).

## "בדחילו ורחימו"

**אבער** לענינינו איז דא נאך א סיבה יעצט אפצולערנען די פרשה פון נדב ואביהוא. מען איז נישט נאר געקומען דא היינט צו זאגען איבער די אומגליק

וואס איז געשעהן, נאר מען דארף רעדן בעיקר וואס עס איז נוגע צו א פתיחת הזמן.

**"בקרבתם** לפני ד'" טייטשן חסידי'שע ספרים, אז נדב ואביהוא האבן געוואלט נענטער ווערן צום באשעפער, נענטער ווי דער אויבערשטער וויל אז א בשר ודם זאל זיין. א בשר ודם דארף טאקע וועלן זיין נאנט צום אויבערשטן, צוציקומען מיט קרבות און מיט אהבה און ליעבשאפט. אבער עס דארף זיין מיט א גבול. ווייל פונקט ווי דער אויבערשטער איז מלא רחמים, און דערפאר וויל מען איהם ליעב האבן, אזוי אויך אבער, אין די זעלבע צייט, דארף מען ציטערן פון איהם. דע לפני מי אתה עומד (אבות פ"ג מ"א). אזוי ווי מען זאגט יעדן אינדערפרי ביים תפילין לייגען, און אזוי אויך ביי יעדע "לשם יחוד", אז מען טוט עס "בדחילו ורחימו", דאס מיינט "ביראה ובאהבה" - מיט א ציטערניש און מיט ליעבשאפט. ווייל אז מען שטייט פארן אויבערשטן, וויל דער אויבערשטער זאלסט טאקע צוקומען מיט ליעבשאפט, זאלסט איהם ליעב האבן - אהבת ד' איז א מצות עשה (דברים ו, ה), אבער עס איז דא נאך א מצות עשה - פון יראת ד' (שם יג). און אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט להלכה (פ"ב מהלכות יסודי התורה ה"ב): הקל הנכבד והנורא הזה מצווה לאהבו וליראה אותו. אפילו וועו דו האסט איהם ליעב, זאלסטו פאר איהם מורא האבן.

**אוודאי** האט מען ליעב דעם אויבערשטער. אין זיין זכות לעבן מיר, אין זיין זכות שטייען מיר אויף צופרי, אין זיין זכות לייגט מען זיך שלאפן ביינאכט, אין זיין זכות איז דא "לחם לאכול ובגד ללבוש", און אן א באשעפער וואלט דאך גארנישט געווען, אין ואפס, די וועלט וואלט צוריק געגאנגען צו תוהו ובוהו. אבער דער זעלבע אויבערשטער וואס וויל אז (דברים ו, ה) "ואהבת את ד' אלקיך", וויל אויך אז (שם יג) "את ד' אלקיך תירא". ווען דו האסט ליעב דעם אויבערשטען און דו ווילסט צו גיין און איהם ארומכאפן, זאלסטו געדענקן אז דו דארפסט ציטערן און מורא האבן פארן אויבערשטן.

**ביי** נדב ואביהוא איז נאר געווען "בקרבתם לפני ד'" - נאנט צו קומען צום אויבערשטן, טאנצן און פרייען זיך מיט איהם כביכול - אז עס איז דא א משכן. אבער דאס אז אין די זעלבע צייט, בשעת מען ברויך צו טאנצן - מוז מען אויך ציטערן פאר וועמען מען טאנצט דא, זעהט אויס אז דאס האט

ביי זיי געפעלט. עס איז נאר געווען "בקרבתם לפני ד'", נאנט מיט אהבה. און וועגען דעם "וימותו", ווייל אז מען גייט צו נאנט, און מען האט נישט קיין פחד ויראה צו גיין נאנט, געשעהנט וואס עס געשעהנט.

## "מה ד' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה"

**יעצט** איז א פתיחת הזמן. וואס מיינט דאס פתיחת הזמן? סתם עפענען א טיר און זאגען איך בין דא, דאס איז נישט קיין פתיחה. איידער א פתיחה מוז זיין "דחילו ורחימו". עס איז געווען בין הזמנים, און מען קומט יעצט צוריק אין כותלי בית המדרש, צו זיין מיטן באשעפער. עס איז טאקע א גרויסע שמחה, הודו לד' כי טוב, מען איז צוריק אין בית המדרש, אבער דאס הארץ ברויך צו ציטערן. וועמענס גמרא לערן איך? וועמענס חכמה לערן איך? דעם באשעפער'ס תורה! וואס לא ישיגוהו משיגי הגוף - ווי עס איז די לשון הרמב"ם (י"ג עקרים).

**אז** מען האט נישט דעם דחילו ורחימו איידער מען קומט אריין אין די טיר, און אז מען טראכט נישט ביידע זאכן, פון איין זייט די שמחה אז מען קומט צוריק צו א נייעם זמן, און אין די זעלבע צייט זאל דאס הארץ קלאפן פאר פחד, איז אינגאנצן נישט א 'פתיחה'.

**אין** אונזער ישיבה, אין אזא מוסד ווי מען לערנט תורה הקדושה, ווי מען האט שוין געהערט פריער, אז די בחורים דא האבן א זעלטענע השתוקקות און אהבת התורה וואס מער צו פארשטיין, ברויך מען זיך אבער אויך דערמאנען, ווי וויכטיג די יראת שמים איז.

**משה** רבינו האט געזאגט פאר כלל ישראל (דברים י, יב, ועיין מגילה כה, א) "ועתה ישראל מה ד' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ד' אלקיך". לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס זאגט די תורה הקדושה אז דער אויבערשטער בעט נאר יראה, דער אויבערשטער פארלאנגט דאך אהבה אויך? נאר קען זיין די פשט אזוי, אהבת תורה פארלאזט זיך דער אויבערשטער אז מען וועט דאס האבן, ווייל וויפיל מער מען וועט לערנען; וויפיל מער מען וועט זיך

פלאגען און קענען דעם קצות החשן; וויפיל מער מען וועט מעיין זיין אין דעם עמקות וואס עס שטייט אין א שטיקעלע גליון הש"ס פון רבי עקיבא איגר; און וויאזוי ער ענדיגט צו אסאך מאל "וד' יאיר עיני" - אז ווען ער האט א קשיא, בעט ער זיך ביים אויבערשטער אז ער זאל איהם לעכטיג מאכן זיינע אויגען; דאס אלעס וועט שאפן ביים בחור א ליבשאפט און נאנטשאפט צו תורה, ער וועט שוין ממילא האבן אהבת תורה. מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי (תהלים קיט, צז).

**איך** האב שוין אסאך מאל נאכגעזאגט די הייליגע דיבורים פונעם אלשיך הקדוש [וואס דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע ברעגנט אין תפארת בנים] אויף דעם פסוק (משלי לא, יח) "טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה". איידער מען שפירט דעם טעם פון לערנען, פון א תוספות, פון א רבינו תם, א קצות החושן, ראשונים ואחרונים גאוני הדור, פון חסידיש'ע ספרים ווי דער הייליגער נועם אלימלך דער הייליגער קדושת לוי, דעמאלטס דארפן בחורים האבן א משגיח וואס זאל שטיין אויף זיי און זיי שטיפן צו גיין לערנען, נישט בטל'ן קיין צייט, און דער בחור האט פוילע תירוצים - קינדערישע זאכן. אבער די רגע וואס מען שפירט דעם טעם - "טעמה כי טוב סחרה", וועט שוין פון זיך אליינס זיין "לא יכבה בלילה נרה", מען וועט אפילו שוין ביינאכט לערנען. מען וועט שוין אויך ביינאכט נישט קענען אויסלעשן די לעקטער, די גאנצע נאכט וועט מען וועלן לערנען נאך און נאך.

**דער** אויבערשטער דארף נישט זיין שואל אויף אהבת ד' און בעטן מען זאל איהם ליעב האבן, אויף דעם פארלאזט זיך דער אויבערשטער אז יעדער וואס זיצט אין ישיבה און הארעוועט אויף תורה, וועט שוין ליעב האבן דעם אויבערשטן. וואס בעט יא דער אויבערשטער, אז אמאל ברוב אהבת התורה פארגעסט מען די יראה. מען פארגעסט אז מען ברויך ציטערן ווען מען לערנט מען דא. און דערפאר "מה ד' אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה את ד' אלקיך"!

**די** פתיחת הזמן איז נישט ווען עס שטייט אויפן לוח, ראש חודש אייר. ווען מען קומט אריין פונעם טיר דא אינעם בית המדרש, איז נאכנישט די פתיחה. ווילאנג מען האט נישט דעם קיום פון יראת שמים, וואס ד' אלקיך שואל מעמך, איז נאכנישט געווען די פתיחה. יעדער בחור דארף צי וויסן: פארוואס

גיי איך אריין אין בית המדרש, דאס איז כדי צו האבן יראת שמים. ווייל ווי דען וועל איך באקומען יראת שמים? אויף די גאסן? פון צייטונגען? פון דארט וועט מען נישט האבן קיין יראת שמים. נאר אין בית המדרש. איך גיי אריין קומען אין בית המדרש, איך גיי לערנען שווערע תוספות און באקומען אהבת התורה, אבער איך גיי געדענקן אז עס איז דא א בורא כל עולמים וואס פירט אלע וועלטן, עולמות עד אין מספר, און זיך באטראכטן ווער בין איך, נאר א קרוץ מחומר, א מענטש וואס איז געמאכט פון ליים, און ווען נישט וואס "ויפח באפיו נשמת חיים" (בראשית ב, ז) וואלט איך צוריקגעגאנגען און גארנישט געווען. דאס וועט איהם ברענגען יראת שמים.

**דאס** בעט זיך דער באשעפער ביי אונז, אז מען זאל ארבעטן צו האבן יראת שמים. ער ווייסט אז אהבת ד' וועט מען האבן. אז מען וועט לערנען וועט מען האבן אהבת ד'. אבער אויף יראת שמים, אויף דעם דארף מען אסאך צו הארעווען, ווייל עס איז דא א יצר הרע וואס לאזט נישט צורוה. ער ווייסט וואס בחורים גייען דורך, מלחמת היצר. ער ווייסט ווי שווער דאס איז. און אלע סגולות שבעולם העלפט נישט, "כי אם ליראה את ד'", נאר אז מען האט מורא פארן אויבערשטן.

## טהרת המקוה מחסדי וטובת השי"ת אלינו

**מיר** האלטן יעצט ביי די טעג פון ספירת העומר. מיר זאגען יעדן טאג "רבונו של עולם אתה צויתנו על ידי משה עבדיך לספור ספירת העומר כו' כדי לטהרינו מקליפותינו ומטומאותינו". אז מען איז מדייק, שטייט נישט דא אז מען קען מיט ספירת העומר מבטל זיין אלע קליפות און אלע טומאות וואס זענען דא אויף די וועלט. נאר עס שטייט "כדי לטהרינו מקליפותינו ומטומאותינו" - אונזערע קליפות און אונזערע טומאות. יעדער האט ביי זיך זאכן וואס ער אליינס ווייסט, אבער אן אנדערער ווייסט נישט. יעדער ווייסט ביי זיך, אז אנשטאטס וואס ער זאל קעמפען קעגען טומאה און קליפה, האט ער ליידער געברענגט אייגענע טומאות און קליפות. און אויף דעם האט דער אויבערשטער געגעבן א מצוה פון ספירת העומר, זיך צו רייניגען פון די אייגענע צרות און טומאות.

**יעדער** ווייסט וואס הייסט טומאה, און אז מען וויל זיך אויסרייניגען, דארף מען אריינלייגען א גרויסע עבודה. מען דארף לערנען אסאך מוסר-ספרים, מען דארף זיך אויסוויינען, אדער אפרעכטן תיקון חצות. עס איז געווען צייטן וואס מען האט געברויכט צו פאסטן פ"ד תעניתים, אויף יעדע מקרה.

**ריכטיג,** אז דער בעל שם טוב הקדוש ותלמידיו זי"ע האבן דאס מבטל געווען, ווייל זיי האבן געזעהן די מענטשליכע כוחות זענען צו שוואך אז מען זאל יעדע מאל פאסטן אזוי פיל תעניתים. נאר דער בעל שם טוב הקדוש האט שטארק מחזק געווען אז מען זאל גיין אין מקוה, און ווי דער מאור ושמש שרייבט (ריש פרשת אמור) "והיה העולם שמם" - די וועלט איז געווען פינסטער, "עד שבאו שני המאורות הגדולים לעולם" - ביז עס זענען געקומען דער בעל שם טוב הקדוש און דער רבי ר' אלימלך זי"ע און זיי האבן לעכטיג געמאכט די וועלט, מיט דעם וואס זיי האבן צוריק איינגעפירט אז יעדן צופריה, איידער מען גייט דאווענען, זאל מען זיך גיין טובל'ן אין מקוה. וואס פאר א טובה און חסד דאס איז, איז שווער משיג צו זיין.

**די** געוואלדיגע מעלה און טהרה פון א מקוה, זאגט דער רמב"ם (סוף הלכות מקוואות) איז א גזירת הכתוב, אז ווען מען גייט אריין אין א מקוה פון ארבעים סאה מי גשמים, כל גופו נכנס בהם, איז מען טהור. דער רמב"ם איז מסביר, אז דאס איז נישט ווי מענטשן מיינען אז טומאה איז א שמיץ וואס מען האט אויף זיך, און ווען מען גייט אין א מקוה איז דאס ווי א וואסער וואס וואשט עס אפ. ניין, זאגט דער רמב"ם. די וואסער אין א מקוה איז נישט קיין הייליג וואסער, עס איז פשוט'ע מי גשמים. נאר אזוי האט דער אויבערשטער געזאגט, א גזירת הכתוב, אז ווען א איד וועט זיך טובל'ן אין די מי גשמים וועט ער זיין טהור.

**נישט** ווייניג בחורים אין ענקערע יארן האבן מיר שוין געזאגט: איך האב א קרירות צו גיין אין מקוה, פארוואס? ווייל איך גיי אריין אין וואסער, איך גיי ארויס, און איך שפיר גארנישט. איך שפיר נישט איך בין ריין געווארן. אלעס איז די זעלבע ווי עס איז געווען נעכטן און אייער-נעכטן. מילא, ווען מען זאגט תהלים, מען וויינט זיך אויס, שפירט מען אביסל התעוררות. אבער ווען איך גיי אין א מקוה, שפיר איך גארנישט. איך שפיר נישט אז איך בין געווארן טהור.

**אבער** די תשובה דערויף איז, אז מען מוז נישט מרגיש זיין. עס איז א גזירת הכתוב. אזוי שטייט אין רמב"ם, עס איז כאילו דער באשעפער שטייט דארט וועט דו קומסט ארויס פון מקוה און זאגט דיר: "איך בין גוזר אז דו ביסט יעצט טהור"! אז דו ביסט אריין אין מ' סאה מי גשמים ביסטו געווארן טהור! און אז דו גייסט דערנאך דאווענען, דו שטעלסט זיך לייגען תפילין, זאל דיר נישט מבלבל זיין דיינע מחשבות און טראכטן: איך ווייס דאך וואס איך האב געטוהן נעכטן, און אויב אזוי ווי אזוי גיי איך יעצט לייגען די הייליגע תפילין, און זיך שאקלן ביים דאווענען ווי דער גרעסטער צדיק. זאלסט נישט אזוי טראכטן. ווייל אויב ביסטו געווען אין מקוה, איז דא א גזירת הכתוב אז דו ביסט טהור! און אז דער אויבערשטער אליינס זאגט טהור, ווער קען דען זאגען אנדערש. און אז מען גייט אזוי צו צום דאווענען צופריה, און מען דערהערט אז כביכול דער אויבערשטער שטייט אונטער דיר און זאגט אז דו ביסט טהור, האט דאס אזא חשיבות. און דורך דעם אליינס, ווערט מען שוין נתעורר.

## "כדי לטהרנו מקליפותינו ומטומאותינו"

**פארשטייען** מיר, אז גיין אין מקוה פועל'ט טהרה, אפילו עס איז גרינג, ווייל עס איז דא א גזירת הכתוב. ווידער ביי מצות ספירת העומר איז דאך נישטא אזא גזירת הכתוב - אז מען ציילט ספירת העומר ווערט מען טהור. [עס איז נאר דא דערויף א רמז אין די תורה, אזוי ווי מען זאגט ביי ספירה ציילן "אתה צויתנו על ידי משה עבדך לספור ספירת העומר כדי לטהרנו מקלפותינו ומטומאותינו, כמו שכתבת בתורתך (ויקרא כג, טו) וספרתם לכם", און לכ"ם איז די ראשי תיבות כ'די ל'טהרנו מ'טומאותנו.] שטעלט זיך די שאלה, ווי אזוי פועל'ט ספירת העומר אז מען זאל טהור ווערן?

**נאך** א פלא'דיגע קשיא איז דא, די ספר החינוך (מצוה שו) ביי ספירת העומר שרייבט גאר אן אנדערע טעם אויף ספירת העומר, "משרשי המצוה על צד הפשט" [מיט די צייט האט שוין מסתמא יעדער געלערנט די הייליגע דיבורים]. אז ספירת העומר איז צו ווייזן די חשק וואס מען האט - אז עס קומט שוין באלד דער יום טוב שבועות און מען גייט מקבל זיין די תורה

הקדושה. "כעבד ישאף צל (איוב ז, ב), וימנה תמיד מתי יבוא העת הנכסף אליו שיצא לחירות". ווי א קנעכט וואס איז אין א בור און ער שטרעבט נאך אביסל לופט און ליכטיגקייט, אזוי איז אויך א מענטש וואס גייט מקבל זיין די תורה.

**בכדי** צו מקבל זיין די תורה, ברויך מען צו ארבעטן, פון פסח - ווען מען איז ארויס פון מצרים. "בהוציאך את העם ממצרים" איז די עיקר אז "תעבדון את האלקים על ההר הזה" (שמות ג, יב). צו קבלת התורה דארף מען צו ציילן, עס איז שוין צוויי טעג, דריי טעג, עס איז שוין פיר טעג, יעדן טאג ווערט די שאיפה, די רצון צו קבלת התורה, גרעסער און גרעסער. אזוי ווי אן עבד וואס ווייסט אז דעמאלטס און דעמאלטס גייט ער ארויס פון תפיסה, און ער ציילט שוין אז עס איז שוין דורך איין וואך, א צווייטע וואך. אזוי ברויך מען צו האפן און ארויסקוקן אויף קבלת התורה. מען דארף זיך אנקוקען ווי מען דערשטיקט זיך און מען האט נישט קיין לופט, און מען ווארט אז די תורה הקדושה אין שבועות זאל איהם אויפלעבן.

**קומט** אויס, אז לויט דעם ספר החינוך, איז די פשוט'ע טעם פון ספירת העומר, כדי מעורר צו זיין די שאיפה אויף קבלת התורה. לכאורה, איז דאך דאס אינגאנצן אן אנדערע טעם - ווי דאס וואס מיר זאגען יעדן טאג אז די טעם פארוואס מען ציילט איז "כדי לטהרינו מקליפותינו ומטומאותינו".

**אבער** לעניות דעתי איז נישטא קיין סתירה צווישן די צוויי טעמים. ווייל ווען א מענטש וויל זיך מטהר זיין פון קליפות און טומאות, דארף ער ביי זיך ערוועקן אן השתוקקות צו קבלת התורה, ער זאל משתוקק זיין ווען וועט דאס שוין זיין. אט די מחשבות און די השתוקקות אליין, דאס גופא איז מטהר מקליפותנו ומטומאתנו.

**די** הסבר פון דעם איז, ווייל מיר ווייסן אז תאוות קומען פון הארץ - "הלב חומד" (עיין רש"י במדבר טו, לט). מען קען נישט איבערמאכן וואס דער אויבערשטער האט באשאפן. אז דער אויבערשטער האט געמאכט אז דאס הארץ גלוסט, וועט עס אייביג האבן תאוות. וואס מען קען יא טוהן, איז בעטן ביים אויבערשטן (- אזוי ווי מען זאגט יעדן טאג אינעם לשם יחוד פאר הנחת תפילין א טעם פארוואס מען לייגט תפילין אויף די לינקע האנט

"כנגד הלב" -) אז מיר זאלן זוכה זיין "לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו". מען קען נישט איבערדרייען די בריאה אז דאס הארץ זאל נישט האבן קיין תאוות, נאר מען קען בעטן אז די תאוות וואס מען וועט האבן, זאל נישט זיין אויף מחשבות זרות, נאר מען זאל האבן מחשבות און תאוות לעבודתו יתברך שמו. למשל, מען זאל נישט סתם אריינגייין אין בית המדרש דאווענען, נאר מען זאל האבן א תאווה דערצו. דאס הארץ זאל ווייטער האבן תאוות, נאר אנדערע תאוות. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים (קיט, מ) איך האב אויך א גליסטעניש, אבער בשעת אנדערע מענטשן האבן תאוות אויף זאכן וואס מען דארף נישט דערמאנען אין א מקום קדוש, האב איך תאוות צו די תורה הקדושה - "תאבתי לפקודיך"!

**על** כן קען זיין אז ביידע טעמים זענען איינס. מיר ציילן טאקע ספירת העומר "כדי לטהרנו מקלפותינו ומטומאותינו", אבער ווי אזוי רייניגט מען זיך פון טומאה דורכן זאגען היום כך וכך ימים לעומר? אויף דעם זאגט דער ספר החינוך, אז ווען מען ציילט ספירה און מען דערמאנט זיך אז מען איז שוין נעענטער צו קבלת התורה, ערוועקט דאס א תאוה און חשקות צו תורה. און אז מען גלוסט און מען באקומט א תאווה צו תורה, ווערט מען ממילא גערייניגט נישט צו האבן קיין תאווה אויף אנדערע זאכן.

**יעדער** בחור ווייסט ווי געשמאק און זייער גוט לימוד התורה איז. עס איז נישט דא קיין בעסערס ווי לערנען א קצות החושן, א נתיבות, און די אלע הייליגע ספרים, אבער דאס איז נישט גענוג. מען דארף האבן א תאווה דערצו. "תאבתי לפקודיך". ביי ספירת העומר דארף יעדער בחור טראכטן ביי זיך: איך בין נאך א יונגע בחור, איך האב נאך אסאך יארן פאר מיר, צי וואס האב איך א תאווה, וואס וועל איך אויפטוהן יעצט אין די יארן. א תאוה וועל איך ממילא האבן, די הארץ גלוסט דאך, נאר איך דארף מחליט זיין אויף וואס וועל איך האבן די תאוות, צי אויף וואס מען טאר נישט - "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם" (במדבר טו, לט), צו איך וויל אויסארבעטן די תאוות פאר הייליגע זאכן, לעבודתו יתברך שמו, צו זיין אן ערליכער בחור, א למדן, דאווענען מיט יראת שמים, זיך נוהג זיין מנהג צדיקים. און איינמאל מען באקומט די תאווה צו קבלת תורה ביי ספירת העומר, רייניגט עס אויס פון אונזערע קליפות און אונזערע טומאות - וואס נעמט זיך פון די פארקערטע תאוות.

# "פתחו לי פתח כפתחו של מחט"

**חז"ל** זאגען (שיר השירים רבה פ"ה ב): דער אויבערשטער זאגט אונז "פתחו לי פתח כפתחו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם". א 'פתיחה' דארף נישט זיין קיין גרויסע פתיחה, עס איז גענוג אן עפענונג "כפתחו של מחט" - אזוי גרויס ווי די לאך פון א נאדל. אויף דעם איז געווען מנהג ישראל, צו זאגען א פתיחה פארן 'זמן'. ווייל אויב עס וועט זיין א ריכטיגע פתיחה, זאגט צו דער אויבערשטער אז דעמאלטס וועט מען זוכה זיין אין דעם 'זמן' אז "ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם" - אזא עפענונג אזוי גרויס ווי די טויערן פון אולם אין בית המקדש. אויב מען וועט שואף זיין צו מקבל זיין די תורה הקדושה בקדושה ובטהרה, אפילו נאר א קליינע מדריגה, וועט די פתיחה האבן אן השפעה אויף א גאנצע זמן.

**איך** האב שוין אסאך מאל נאכגעזאגט בשם צדיקים (עיין מחשבות חרוץ ד להגה"ק ר' צדוק הכהן מלובלין זצ"ל), אז די מעלה פון א "פתחו של מחט" איז, אז כאטש די לאך פון א נאדל איז א קליינע עפענונג, איז דאס אבער א לאך וואס שטעכט דורך און דורך, פון איין זייט ביז די אנדערע זייט. אזוי דארף צו זיין די יעצטיגע פתיחה - "כפתחו של מחט", טאקע נאך א קליינע עפענונג, אבער א פתיחה וואס קומט אן דורך און דורך - ביז טיעף אין הארץ. "דברים היוצאים מן הלב, נכנסים אל הלב".

# "ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה"

**מיר** שטייען יעצט אין די טעג וואס די תלמידים פון הייליגען תנא רבי עקיבא זענען אוועק ווייל "שלא נהגו כבוד זה בזה" (יבמות סב, ב). עס שטייט נישט זיי האבן זיך חלילה פיינט געהאט, נאר זייער חטא איז געווען אז מען האט נישט ריכטיג אפגעגעבן כבוד איין חבר פארן צווייטן חבר. יעדער האט געמיינט אז ער איז גערעכט, און ממילא איז דאך דער צווייטער נישט גערעכט. און אז יענער איז נישט גערעכט, פארוואס דארף איך האב פאר איהם דרך ארץ. רבי עקיבא האט אבער נישט אזוי געלערנט מיט זיינע תלמידים, זיי האבן געהערט פון זייער רבי'ן אז "ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה".

**אזוי** אויך דארף מען זאגען פאר יעדע בחור דא אין ישיבה: זאלסט ליב האבן א חבר ווי זיך אליינס, ווען דו זעהסט א חבר הונקעט אונטער, ער בטל'ט די צייט, ער גייט ארויס פון בית המדרש נאכאמאהל און נאכאמאהל, אריין און ארויס, זיין קאפ איז נישט ביי די גמרא תוספות, וואס וואלסטו פאר דיר אליינס געטוהן? דו וואלסט זיך דאך מעודד געווען! דארפסטו דאס זעלבע טוהן פאר דיין חבר.

## "מקצת שבחו"

**ברוך** השם, איך מוז דא זאגען "מקצת שבחו בפניו", מען הערט זייער גוטע גריסן אויף די ישיבה און גרויסע מעלות, און ווי מען האט פריער דא עדות געזאגט אז מען זעהט דאס נישט אין אנדערע ישיבות. אבער מען דארף פארשטיין, אז מען זאל חלילה נישט זאגען אז אויב אזוי, אז עס איז נישט דא נאך אזא ישיבה, איז שלום עלי נפשי, איך דארף שוין גארנישט פארבעסערן. ניין! אדרבה, דוקא וועגען דעם מאנט דער אויבערשטער פון אונז מער ווי פון אלע אנדערע.

**דער** באשעפער זאל העלפן, מען זאל זוכה זיין אין די הייליגע זמן ווען מען גרייט זיך צו מתן תורה, צו טוהן א נחת רוח פארן באשעפער יתברך שמו, און בשכר זה וועט אונז דער אויבערשטער עפענען "כפתחו של אולם" און געבן כל משאלות לבנו לטובה. עס וועט זיין א זמן מיט א גרויסע הצלחה און סייעתא דשמיא, מען וועט שטייגען בתורה וביראת שמים, שטייגען אין מדות, און כסדר עולה זיין מעלה מעלה. מען זאל זוכה זיין למלאות רצונו יתברך שמו, און אזוי ארום וועט דער אויבערשטער אויך ממלא זיין אונזער רצון, עס זאל קומען פרייליכע שמחה'דיגע טעג, וואס שמחה איז דאך איינע פון מ"ח קניני תורה (אבות פ"ו מ"ו). דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל שוין מקויים ווערן אונזער תפלה "ותן חלקנו בתורתך ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות", מען זאל זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

הוצאת אומת
אור תורה מונקאטש